# עמפלוימענט דיסקרימינאציע

אייער רעכט צו אן ארבייטס פלאץ וואס איז פריי פון דיסקרימינאציע



ניו יארק סטעיט אפיס פון די אטוירני דזשענעראל
**לעטישע דזשעימס**

## מיטלען

**אפיס פון ניו יארק סטעיט אטורני דזשענעראל ציווילע רעכטן ביורא ['אפיס אוו ניו יארק סטעיט אטורני דזשענעראל סיוויל רייטס ביורא'] (Office of the New York State Attorney General Civil Rights Bureau)**

28 Liberty Street
New York, NY 10005

civil.rights@ag.ny.gov
ag.ny.gov/civil-rights-complaint
(212) 416-8250 אדער (800) 771-7755
(800) 788-9898 - TTL

**ניו יארק דיסטריקט אפיס פון די אי.אי.או.סי. ['ניו יארק דיסטריקט אפיס אוו די EEOC'] (New York District Office of the EEOC)**

33 Whitehall Street, 5th Floor
New York, NY 10004

eeoc.gov/field/newyork
(212) 336-3620 אדער (800) 669-4000
(800) 669-6820 - TTY

**ניו יארק סטעיט מענטשן רעכטן אפטיילונג ['ניו יארק סטעיט דיוויזשאן אוו היומען רייטס'] (NYC Commission on Human Rights)**

One Fordham Plaza, 4th Floor
Bronx, New York 10458

רעגיאנאלע אפיס: dhr.ny.gov
(718) 741-8400

**ניו יארק סיטי מענטשן רעכטן קאמיסיע ['ניו יארק סיטי קאמישאן אן היומען רייטס'] (NYC Commission on Human Rights)**

40 Rector Street, 10th Floor
New York, New York 10006

אנדערע ביורא אפיסעס זענען וועלעלבל אויף:
nyc.gov/site/cchr/about/contact-us.page
(212) 306-5070
איינגעבן א קלאגע - 306-7450 (212)

**די אינפארמאציע וואס די בראשור אנטהאלט איז בלויז פאר אינפארמאטיווע צוועקן, און איז נישט געצילט צו צושטעלן אדער אז מען זאל זיך פארלאזן דערויף אלץ לעגאלע ראט אין קיין שום ספעציפישע סיטואציע.**

## טייערע ניו יארקער,

טרעפן א דזשאב און מצליח זיין פאדערט טרערנירונג און שווערע ארבייט. די באמיאונג ווערט געשטערט ווען ארבייטס געבער דיסקרימינירן קעגן ארבעטער און אפליקאנטן צוליב זייער ראסע, 'דזשענדער', אדער אנדערע פונקטן וואס זענען נישט רעלעוואנט צו דעם דזשאב.

דאס איז נישט בלויז אומ'יושרדיג, עס איז אומלעגאל. די רעכט צו ווערן אפגעשעצט אין די ארבייטס פלאץ באזירט אויף די ארבייטס פעהיגקייט איז אזוי פונדאמענטאל אז געזעצן ווערן דורכגעפירט אויף די פעדעראלע, סטעיט, און לאקאלע שטאפלען צו פארבאטן דיסקרימינאציע. ארבייטער זענען אויך באשיצט פון נקמה אין די ארבייטס פלאץ אויב זיי גיבן איין אן אנקלאגע.

עס איז וויכטיג אז געליטענע פון דזשאב דיסקרימינאציע זאלן נעמען פאסיגע מיטלען צו באשיצן זייערע רעכטן. דער דאזיגער בראשור באהאנדלט די געזעצן וואס רעגירן אויף עמפלוימענט דיסקרימינאציע און וויאזוי צו איינגעבן א קלאגע. אויב איר האט פראגן אדער דארפט מער אינפארמאציע, פארבינדט אייך מיט די ציווילע רעכטן ביורא ['סיוויל רייטס ביורא'] (Civil Rights Bureau) אויף (212) 416-8250 אדער באזוכט אונזער וועבזייט: ag.ny.gov/bureau/civil-rights.

מיט שעצונג
Letitia James



אטוירני דזשענעראל
פון ניו יארק
**לעטישע דזשעימס**

## פיילן א קלאגע

געליטענע פון עמפלוימענט דיסקרימינאציע אדער נקמה האבן מערערע ברירות:

- איינגעבן א 'קאמפלעינט' ביי די ארבייטס געבער;
- איינגעבן א קלאגע פון דיסקרימינאציע צו די 'יו.עס. איקוועל עמפלוימענט אפארטוניטי קאמישאן' (U.S. Equal Employment Opportunity Commission) (EEOC), די ניו יארק סטעיט 'דעוויזשאן אוו היומען רייטס' (Division of Human Rights), אדער א לאקאלע באורד, אזוויווי די ניו יארק סיטי 'קאמישאן אן היומען רייטס' (Commission on Human Rights) (NYCCHR);
- איינגעבן א געריכטליכע קלאגע;
- איינגעבן א 'קאמפלעינט' צו די ניו יארק סטעיט אטוירני דשענעראל'ס אפיס.

איטליכע פון די ברירות האבן אנדערע דעדליינס און נאכפאלגן. דער באשלוס איבער וועלכע פון זיי צו אויסוועלן ווענדט זיך אויף אזעלכע זאכן ווי די אויסגאנג וואס ווערט געזוכט, די צייט אפשניט וואס איז פארלאפן זינט די אינצידענט האט פאסירט, און אויב א קלאגע מוז ווערן איינגעגעבן ביי אן אדמיניסטראטיווע אגענטור בעפאר מען גיט עס איין אין געריכט.

אויב גלייבט איר אז איר זענט אויסגעשטאנען עמפלוימענט דיסקרימינאציע אדער נקמה, זאלט איר זיך באראטן מיט אן אדוואקאט אזוי זנעל ווי מעגליך בעפאר איר גייט ווייטער.

## פעדעראלע 'קאמפלעינטס'

בעפאר'ן קלאגן אונטער די פעדעראלע געזעצן, מוז דער מענטש ערשט איינגעבן א קלאגע פון דיסקרימינאציע צו די EEOC אין פארלויף פון 300 טעג פון די לעצטע דיסקרימינאציע אקט (פעדעראלע ארבייטער/דזשאב אפליקאנטן מוזן זיך פארבינדן מיט אן EEOC אפיציר וואו זיי ארבייטן/האבן זיך איינגעגעבן צו ארבייטן ביז 45 טעג). די קלאגע וועט ווערן אויסגעפארשט און די EEOC קען פרובירן צו שליכטן דעם ענין דורך פארמיטלונג 'מידיעישאן' (mediation). אויב פארמיטלונג 'מידיעישאן' (mediation) פאלט דורך אדער אויב די EEOC טרעפט נישט קיין נארמאלע באגרינדונג 'ריזאנעבל קאוז' (reasonable cause) אז דיסקרימינאציע/נקמה איז פארגעקומען, וועט די EEOC ארויסגעבן א "רעכט צו קלאגן" בריוו, וואס גיבט דעם ארבייטער 90 טעג איינצוגעבן א קלאגע אין א פעדעראלע אדער סטעיט געריכט.

## די אטוירני דזשענעראל

די אטוירני דזשענעראל'ס אפיס פארשט אויס 'קאמפלעינטס' און טוט אנקלאגן פעלער וואו עס ווערט באשולדיגט א 'פעטערן' (pattern) אדער א פאליסי פון דיסקרימינאציע וואס באווירקט אסאך מענטשן. די ביורא טוט נישט פארטרעטן קיין אינדיווידועל מענטשן, און טוט אויך נישט ברענגען קעיסעס קעגן ניו יארק סטעיט אגענטורן. אבער פארט, אויב איר גלייבט אז אנדערע אפליקאנטן אדער ארבייטער מאכן מיט ענליכע דיסקרימינאציע דורך די זעלבע ארבייטס געבער, ביטע מעלדט אונז דערוועגן דורך איינגעבן א קלאגע.

## סטעיט און לאקאלע 'קאמפלעינטס'

א מענטש קען איינגעבן א קלאגע פון עמפלוימענט דיסקרימינאציע אדער נקמה ביי די ניו יארק סטעיט מענטשן רעכטן אפטיילונג ['ניו יארק סטעיט דיוויזשאן אוו היומען רייטס'] (New York State Division of Human Rights) אין פארלויף פון איין יאר, אדער איינגעבן א געריכטליכע אנקלאג דירעקט צו די ניו יארק סטעיט געריכט אין פארלויף פון דריי יאר פון די אממערסטענס לעצטע דיסקרימינאציע אקט.

אויב דער אינצידענט האט פאסירט אין ניו יארק סיטי, קען די קלאגע ווערן איינגעגעבן ביי די NYCCHR מיט די זעלבע צייט באגרעניצונגען. ביידע, סיי די סטעיט אפטיילונג 'סטעיט דעוויזשאן' (State Division) און סיי די NYCCHR האבן ענליכע פראצעדורן. איטליכע וועלן אויספארשן די קלאגע און, אויב זיי טוען פעסטשטעלן אז די קלאגע האט האפט, וועלן זיי אפהאלטן א פארהער 'היערינג' (hearing).

אנדערשוויז, אויב א געריכטליכע קלאגע ווערט איינגעגעבן, וועלן ביידע סיי דער ארבייטער און סיי דער ארבייטס געבער איטליכער צושטעלן איבערווייז, אריינגערעכנט דאקומענטן און באשוואוירענע עדות'שאפט פון מענטשן וואס זענען באקאנט איבער די פאסירונגען. אויב טוען די צדדים נישט גרייכן קיין שליכטונג, וועט די קלאגע ווערן געשליכטעט דורך די געריכט אדער א דזשורי.

## געוועהנליכע רעזולטאטן אויב עס שטעלט זיך ארויס אז דיסקרימינאציע איז פארגעקומען

עס קען ווערן פארלאנגט פון אן ארבייטס געבער צו אויפנעמען, צוריקשטעלן, אדער העכערן אין ראנג אן אפליקאנט/ארבייטער. אין צוגאב דערצו, קען אן אפליקאנט אדער ארבייטער ווערן צוגעטיילט געלט שאדנס. ביישפילן רעכענען אריין צאלן אויף צוריק ['בעקפעי'] (back pay), די ווערט פון סיי וועלכע פארלוירענע בענעפיטן, קאמפענסאציע אנטשעדיגונג פאר פיין און ליידן, און שטראף אנטשעדיגונג. אן ארבייטער קען אויך ווערן צוגעטיילט די אדוואקאט קאסטן און אינטערעסט אויף פארלוירענע געהאלט און בענעפיטן. אין צוגאב דערצו, קען ווערן געפאדערט פון אן ארבייטס געבער צו טוישן די פארשריפטן פאר די איינגעשטעלטע, פראצעדורן, און טרענירונג.

**ביטע נעמט אין אכט:** מאכן א 'קאמפלעינט' צו די אטוירני דזשענעראל טוט נישט נאכקומען די EEOC קלאגע פארשריפטן אדער סיי וועלכע אגענטור אדער געריכטליכע דעדליינס. צו פרעזערווירן אייערע לעגאלע קלאגעס, דארפט איר מעגליך אויך איינגעבן א דיסקרימינאציע קלאגע ביי די EEOC, די 'סטעיט דעוויזשאן' (State Division) אדער די NYCCHR, אדער איינגעבן א געריכטליכע קלאגע.

איינצוגעבן א 'קאמפלעינט', פארבינדט אייך מיט די ניו יארק סטעיט אטורני דזשענעראל'ס ציווילע רעכטן ביורא ['אפיס אוו ניו יארק סטעיט אטורני דזשענעראל'ס סיוויל רייטס ביורא'] (New York State Attorney General's Civil Rights Bureau) אדער פילט אויס א 'קאמפלעינט' פארם וואס איז עוועילעבל אויף ***ag.ny.com/civil-rights-complaint***.

## באשיצונג קעגן דיסקרימינאציע

פעדעראלע, סטעיט און, אין געוויסע קאמיוניטיס, לאקאלע געזעצן טוען פארבאטן דיסקרימינאציע קעגן דזשאב אפליקאנטן און ארבייטער באזירט אויף ראסע, נאציאנאלע אפשטאם, 'דזשענדער', רעליגיע, דיסאביליטי, און פילע אנדערע קאטעגאריעס. עס איז אומלעגאל פאר אן ארבייטס געבער צו אפזאגן פון אויפנעמען, פארפעלן צו העכערן, אפזאגן, באצאלן ווייניגער, אדער אויף אנדערע וועגן באהאנדלען ארבייטער אדער דזשאב אפליקאנטן אנדערש צוליב וואס זיי זענען א טייל פון א באשיצטע קאטעגאריע.

## באשיצונג קעגן נקמה

נקמה קעגן ארבייטער וואס קלאגן איבער דיסקרימינאציע אדער קאאפערירן מיט אן אויספארשונג איז אויך פארבאטן. דאס מיינט אז ארבייטער קענען נישט ווערן באשטראפט אדער אויסשטיין נעגאטיווע אקציעס – אזוי ווי ווערן אפגעזאגט אדער גענידערט אין ראנג - אויב זיי קלאגן אדער קאאפערירן מיט אויספארשונגען.

## געזעצן זענען ענליך, אבער אנדערש

די געזעצן וואס זענען געווארן דורכגעפירט דורך פעדעראלע, סטעיט, און לאקאלע רעגירונגען דעקן אסאך פון די זעלבע פראבלעמען, אבער האבן קלארע דיפערענצן. עס איז וויכטיג אז איר זאלט פארשטיין די דיפערענצן און וויסן וואו איינצוגעבן א קלאגע. איר קענט טרעפן א פולע שילדערונג פון די געזעצן אויף אונזער וועבזייטל. איר זאלט אויך אנפרעגן ביי אייער סיטי, טאון, אדער קאונטי צו זעהן אויב אויב עס איז פארהאן א לאקאלע מענטשן רעכטן געזעץ אין קראפט.

## וואס איז באשיצט

די געזעצן טוען איינשטימיג פארבאטן דיסקרימינאציע באזירט אויף ראסע, נאציאנאלע אפשטאם, עטנישע גרופע, געשלעכט, רעליגיע, דיסאביליטי, און עלטער. סטעיט און אסאך אנדערע לאקאלע געזעצן טוען אויך באשיצן דאס וואס איז באזירט אויף געשלעכטליכע אריענטאציע, הייראטס סטאטוס, מיליטערישע סטאטוס, גענעטישע 'פרידיספאזישאן' (predisposition), פריערדיגע ארעסטן, און שולד געפינסן. ניו יארק סיטי טוט אויך אריינרעכענען דעם סטאטוס אלץ געליטענער פון 'דאמעסטיק וויאלענס' (domestic violence), 'סטאלקינג' (stalking), און געשלעכטליכע פארלעצונגען. די פעדעראלע געזעצן זענען געוועהנליך גילטיג פאר ארבייטס געבער וועלכע האבן 15 ארבייטער אדער מער; די ניו יארק סטעיט און ניו יארק סיטי געזעצן זענען גילטיג פאר ארבייטס געבער וואס האבן פיר ארבייטער אדער מער. עמפלוימענט אגענטורן און ארבייטער פאראיינען ['לעיבאר יוניאנס'] (labor unions) מוזן אויך אויספאלגן די געזעצן.